№ 48 Należytosc pocztowa opłacona ryczałtem. | פינפטער יאָהרגאנג. | פרייז 20 גראשען | „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז:
פאר א מיליפעטער שורה
פאר'ן טעקסט 24 גראשען נאָכ'ן טעקסט 18 גראשען.
אין טעקסט 60 גראשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פעראנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פרייז
א נומער 20 גראשען.
בריעף פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek, dnia 19 listopada 1926 | ליכט-צינדען 3 מיט 23 מינוט | פרייטאג, פ' וישלח י"ג כסלו תרפ"ז.

שבת-צו-נאכטס דעם 20 ד. ה. פונקטליך 7 אָווענד
קומט פאָר אין זאַל „רעדוטא", סטראַזשאַצקא 8

א גראנדיעזער פרויען-מיטינג

אויף וועלכען עס וועלען רעפערירען: סעמינאר-לייטערין פרל. ד"ר **יהודית ראזענבוים** פון פראנקפורט אם-מיין א. ד. ט.: **„דאס רעליגיעזע באוואוסטזיין ביי דער יודישער פרוי"**

פרל. **אסתר ראזא** פון ווארשא און פרל. **חנה'ן פלידערבוים** לייטערין פון דער היעזיגער „בית-יעקב-שולע" א. ד. ט.: **„דער ציעל פון דער „בית-יעקב"-שולע.**

איינגאנג נור פאר פרויען! בילעטען צו בעקומען בא די ה"ה: יעקב הירש פייערמאן, אלטער מארק, קלמן רייכער, נייער מארק 10, יעקב בערמאן, אלעע 3, בערול געהירצמאן, אלעע 30 און ביים איינגאנג אין זאל „רעדוטא".

☛ איינגאנג נור פאר פרויען! **„אגודת ישראל", טשענסטאכאוו.**

זונטאג, ד. 21 ליסטאפאד, 3 נאכמ. קומט פאר אין איינענעם הויז פון „הכנסת אורחים" גארנצארסקא 67

א פייערליכע טרויער-צערמאניע

צום אנדענקען פון פערשטארבענעם גרינדער, בויער און געוועזענעם לאנג-יעהריגען פרעזעס פון אונזער אינסטיטוציע **נתן נעריכטער** נ"ע

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערעפנונג פון א זאל אין „הכנסת אורחים" אויף זיין נאמען.

צו דער דאזיגער צערעמאניע לאדען מיר דערמיט איין אלע אונזערע מיטגלידער ווי אויך קרובים און פריינד פונ'ם נפטר.

די פערוואלטונג פון „הכנסת אורחים" אין טשענסטאכאוו.

דאנקזאגונג.

די פערוואלטונג פון „בית לחם" דריקט אויס איהר הערצליכען דאנק די לאנדסלייט אין ניו-יארק ה' מאיר יונה ליטמאן פאר די געזאמעלטע אין שוהל עזו"ב 7 דאלער, ה' יעקב רובינשטיין פאר געשענקטע 2 דאלער, ה' שלמה חאלקאוויטש 1 דאלער, וועלכע מיר האבען ערהאלטען לטובת די בכבודע ארימע פאמיליעס.

Dr. Med. **St. PRAPORT**
Senatorska 1, dom p. Alter
נעמט אן ביז א זייגער 9 פריה און פון 3 ביז 6 אין אווענד.
פעדהיטונגס-איינשפריצונגען געגען שקארלאטין.

כ'נעם אן טלעקטרישע אינסטאלאציעס
אויך פערשידענע רעפעראציעס א. ז. וו.
קאָנצעסיאָנירטער
מ. ווטרדינגער, אַגראַדאָווא נר. 15.
בעמערקונג: רעפעראציעס ווערען ביז 10 טאג אויסגעפיהרט.

א לידעל פאר פרויען.

I.

כ'מוז אייך, רבותי, א בשורה דערצעהלען
א נייער ארטיקעל איז דא
גליקליך וועט איהר מיר אלע, בירגער פון פוילען,
האט מיר זיך דערלעבט אזא שעה.
דאס איז א נייער קאקאאָ - פוטער וואס ענטהאלט פעטס 100 פראצ. פאר
און רופט זיך, פערגעסט נישט, פאטאקאל, פאטאקאל, פאטאל.

II.

די בשורה איז דורך ראדיא געהאָרען אויפגענומען
איבעראל איז גרויס דער פוראָר;
און זאל מיין צינג צוגעקלעבט ווערען צום גומען
אויב איך טרייב אייך א חאָר.
אלע ווירטינס האבען זיך פעראייניגט און פאדערן אין איין קול
נור דעם פראכטפולען קאקאאָ-פוטער פאטאקאל, פאטאקאל.

III.

די ווירטינס זיי שטראהלען, פון נחת זיי שפילען
פון דעם נעם וואס איז געוואָרען ענטדעקט;
פון יעצט וועלען די מענער צו זיי מעהר נישט טענהן:
„די גריבענעס עסען נישט גוט שמעקט"
די גריבענעס שמעקען גוט, אויסגעצייכנט, הא? יאוואָל?
אלץ א דאנק דעם קאקאאָ-פוטער פאטאקאל, פאטאקאל.

IV.

געגען פאטאקאל האט אלץ רעזיגנירט,
ער דער איינציגער אלהערשער איז פערבליבען;
אויך די יחפנים בוימאהל, פוטער, שמאלץ זענען געוואָרען סקאסירט
און מיט חרפה פון די הייזער געוואָרען ארויסגעטריבען.
ווייל אלע מינים פעטסען און צערעדאל
עס געניגט איינער: פאטאקאל, פאטאקאל, פאטאקאל.

V.

א זמר בשבחין דעם נייעם קאקאאָ-פוטער פאטאקאל
ער איז ביליג, עקאָנאָמיש, כשר, וויבער, געשמאק, נאהר-האפט און פעט;
נישט אומזיסט זענען אלע פאר איהם אייזען און שטאל
און ווערט רעקאָמענדירט אלס בעסטער דיעט.
דרום זאג איך און זאג ווידערהאל
א כפרה אלע פעטסען פאר פאטאקאל, פאטאקאל, פאטאקאל.

VI.

צו איהר וועט געזונד פאלקען, די גלידער ווי קאָנדענסירט,
און דער מאגען פערדייעט אלע שפייזען;
אדער חלילה, מאגען-קראנק, בלוט-ארם, דענערווירט
און איהר מוזט ערגיץ אין א קור רייזען;
אלעמען, אלעמען איז געהענדעט מיין ראט,
איך פערלאנג קיין דאנק נישט פון כלל, נישט פון פרט,
פאדערט, נוצט און רעקאָמענדירט יעצט און אלעמאל,
נור די אויסנאהמסטע קאקאאָ-פוטער פאטאקאל.

צו בעקומען אין אלע קאָלאָניאל-געשעפטען.

פארטנאָוויטש. י. מ.

אנו משתתפים בצערו של מר
מארקוס הערשליקאוויטש
למות עליו
א ב י ו.
ציגלער, זילבערבערג.

W związku z nowoczesną elektryfikacją miasta
F. BŁACHOWICZ
przy ulicy Kościuszki Nr 8.
dla pamięci Sz. Klijenteli donosi, iż specjalnością firmy są: prądnice, transformatory, silniki elektryczne, przewodniki napowietrzne (H.K.T.), nawojowe, cewki bezpojemnościowe dla celów radiotechnicznych — ORAZ INSTALACJE NISKIEGO I WYSOKIEGO NAPIĘCIA — łącznie z urządzeniami radiotechnicznemi według nowoczesnych wymagań międzynarodowych przepisów.

ריינקייט | ווירטינס אכטונג! | פראקטישקייט
אלע נוצען שוין
Zapalacze „Raz - Dwa - Pięć"
צו קויכלען אין פעקיל 12 קלעצלעך || צו הייצן אין פעקיל 32 קלעצלעך
אומעטום צו בעקומען.
Repres.: Izasław Szwarc, Kościuszki 39.
שפארזאמקייט | בעקוועמליכקייט

טעאטער „אדעאן"

פראגראם פון היינט פרייטאג ביז דינסטאג דעם 19 נאוועמבער 1926.
היינט! גענאלער פילם פון פראנצויזישער פראָדוקציע! גרויסע טראגעדיע אין 10 אקטען א.ט.

„Pożar serc"

אין די הויפט-ראָלען די בעסטע פראנצויזישע ארטיסטען:
זשאק קאטעלאַן, ראַגנאַר קארל א. א.
אויף דער סצענע:
בראניסלאוו בראנאווסקי אויטאָר-הומאָריסט
„6 באנאס" בעריהמטער טענצער אקראָבאטישער אנסאמבל.
לעצטער סעאנס 9 אווענד. איינצעלהייטען אין די אפישען און פראָגראמען.
צוליעב די קאָלאָסאלע קאסטען זענען די פרייזען געהעכערט. קרזעסלא 1,50.

Najsilniejsze bóle głowy usuwa.

דער סטארשי פעלדשער **ס. מיטלער**
קרעטצט הילפּ קראנקע פון 8 פריה ביז 8 אָווענד
אין דער רעשורע „היגיענא" נייער מארק 5
און בייגאכט אין זיין פריוואט-וואוינונג פילסודסקי 5
☛ פאר ארבייטסלאָזע יעדע ערם הילף אומזאָנסט.

ביי זיי און ביי אונז.

— I —

„פרעצע אי זנארע"—ערבעט און פרידען, דאס איז די לאזונג אונטער וועלכער די הינגע קריסטליכע עקאנאמיש-הירטשאפטליכע פעראיינען האבען זיך פעראייניגט אין איין געמיינזאמע ארגאניזאציע, וועלכע זאל אנפיהרען א ענערגישע און פלאנמעסיגע טעטיגקייט לטובת די אלע פעראיינען וואס קאנצענטרירען זיך ארום איהר.

און געפונען נעפונט מען דארט אלע, פון גרויס ביז קליין, גרויסע סוחרים און קליינהענדלער, גרויסע פאבריקאנטען און קליינע האנדווערקער, הויז-איינענטימער און באדען-בעזיצער אלע האבען זיך פעראייניגט אין דער לאזונג פון: ארבייט און פרידען.

די ראזונג ארגאניזאציע איז מיט איינינגע טעג צוריק ביי אונז אין שטאדט געשאפען געווארען. די ערעפנונג איז געווען פייערליך, עס זענען געהאלטען געווארען הייסע רעדעס וועגען דעם גרויסען שאדען וואס דאס צושפליטערן די כחות ברענגט דער ענטוויקלונג פונ'ם פוילישען האנדעל און מלאכה, און ווייטער הירטשאפטליכער טעטיגקייט, ווי מען דארף שטעהען אויף דער וואך צו פערטיידיגען די בלוטיגסטע אינטערעסען, אלע מוזען בילדען איין פראנט, איין פעסטע מויער, א. א. וו. א. א. וו.

און א אויפרוף, א הייסער אויפרוף איז ארויסגעלאזט געווארען, צו אלע עקאנאמישע פעראיינען, צו וועלכע מען אפעלירט און מען רופט צו ווייטער געהיסען אז זיי זאלען נעמען אין אכט דאס געבאט פון דער שעה, און זאלען זיך פעראייניגען אונטער'ן דאך פון אחדות און איינינקייט, פון געמיינזאמער צוזאמענארבייט און אלזייטיגער פערטיידיגונג.

און דאס איז נישט קיין פאנטאזיע, נישט קיין חלום נאר א ווירקליכקייט, א פאקט וואס איז געשעהען אין משעני-סמאלאוו, וואו אזא געזעלשאפט איז געשאפען געווארען און זי עקזיסטירט. געגען וועמען איינענטליך ווילען זיך דאס פערטיידיגען. די פוילישע סוחרים און פאבריקאנטען, קליינהענדלער און האנדווערקער, ווער פ'שטערט זיי ווייז נערמאל צו ענטוויקלען, דאס הערט אין די אויפרופען און די רעדעס נישט בעטאנט, און דאס בלייבט א פראגע, אפשר קענען מיר די אנטווערט געפונען צווישען די שורות, און פערשטעהן קענען וועמען מען ארגאניזירט זיך און מען שאפט אזא פעסטען פראנט.

און מען נעמט זאגאר נישט אין בעטראכט אז פיעל מאל. ביי געוויסע פראגען מהוען זיך די אינטערעסען פון די גרויסע סוחרים מיט די קליינהענדלער, אדער פון די גרויס-פאבריקאנטען מיט די קליינע האנדווערקער אזוי צושיידען אין זייערע געגענזייטליכע ציעלען, אז ס'איז שווער צו געהן צוזאמען, מען מהוט אויף דעם פערציכטען, מען איז געווארען נאכגיביג אויף אלעם, נאר אז די פעראייניגונג זאל צושטאנד קומען, ווייל מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז דאס פעראייניגען זיך און ארבייטען מיט געמיינזאמע כוחות און ביי א גוטען ווילען דערצו, וועט קענען שאדען נישט ברענגען, נאר אלעמען וועט דאס זיין א טובה, און אלע וועלען דערפון געניסען.

אזוי איז ביי זיי, ביי די פוילישע עקאנאמישע און ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס. ביי די פוילישע סוחרים און פאבריקאנטען וועלכע מיר ווייסען ווירקליך נישט וואס עס דריקט זיי, אויף וואס זיי האבען זיך דאס אזוי שטארק צו בעקלאגען, און ווער עס שטערט זייער ענטוויקלונג.

און ווי זעהט דאס אויס ביי אונז, ווי האלט עפיס דן פעראייניגונג און אחדות צווישען אונזערע יודישע עקאנאמישע געזעלשאפטען?

וועגען דעם אין קומענדען ארטיקעל.

י. פ.

פערשידענע ידיעות.

— אויף דער פייערליכער ערעפנונג פון דער נייער סיים-און סענאט-סעסיע וואס איז פארגעקומען פערגאנגענעם שבת דורכ'ן מלוכה - פרעזידענט אין שלאס זענען פון דער פלענאַרער צאהל 555 דעפוטאטען און סענאטארען געוועזען אנוועזענד בלויז 142 דעפוטאטען און 42 סענאטארען. די יודישע קאלא האט זיך אפיציעל נישט בעטייליגט אין דער פייערונג, נאר 5 דעפוטאטען זענען געגאנגען דעם בעשלוס פון קאלא געקומען צו דער פייערונג.

— די פ. פ. ס. וועלכע איז לעצטענ'ס איבער אין אפאזיציע צו דער רעגירונג האט אויפגעפאדערט איהר מיטגליעד דעם מיניסטער מאראטשעווסקי אז אבער ער זאל זיך אבזאגען פון דער רעגירונג, אבער ער זאל ארויס פון דער פארטיי. דער מיניסטער האט אנגענומען דאס לעצטע און בלייבענדיג אין דער רעגירונג איז ער ארויסגעטרעטען פון די פפ"ס.

— אזוי איז אויך דער בעקאנטער פאליטיקער דעפ. היערושביצקי ארויסגעטרעטען פון ענדעקישען סיים - קלוב צוליעב די אטאקעס פון די רעכטע אין צוזאמענהאנג מיט'ן ענגעמען דורכן דעפ. היערושביצקי דעם אמט פון פרעזעס אין עקאנאמישען ראט.

— אויף דער לעצטער סיים - זיצונג איז אנגענומען געווארען א דרינגענדער פערשלאג וואס איז אונטערשריבען דורך אלע סיים - קלובען, געגען דעם נייעם פרעסע-דעקרעט.

— דאס פינאנץ- מיניסטעריום האט פערארדענט אז די שטייער - אמטען זאלען געבען די נויטיגע אינפארמאציעס דן שטייער - צאהלער וואס האבען אבגעגעבען ערקלערונגען געגען אומזיסט שטייער, און זיי אינפארמירען אויף וועלכען סך מען האט זיי בעשטייערט מיט דער סומע.

— אין קרונס - מיניסטעריום ווערט איצט אויסגעארבייט א פראיעקט וועגען פערקלענערען די צאהל פון מיליטער-דינסט.

— לויט דער איניציאטיווע פון פינאנץ-מיניסטער איז געקומען קיין ווארשא דער טשעכישער ספעציאליסט דר. אורזאק, וועלכער וועט ארגאניזירען דעם הויפט-ראט פון באנק-וועזען ביים פינאנץ-מיניסטעריום.

— די פאליטישע פאליציי האט שוין פאקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין פוילען אלס בעזונדערע אינסטיטוציע. איהר טעטיגקייט ווערט אויסגעפיהרט [illegible] דורכ'ן פאליטישען דעפארטאמענט און [illegible] דורך די וואיעוואדעס און סטאראסטעס.

— דאס פינאנץ - מיניסטעריום האט פונאנדערגעשיקט א צירקולאר צו אלע פינאנץ - קאמערן אז די סעקוועסטראטארען וועלען פאר'ן אדורכפיהרען א עקזעקוציע מחויב צוצושיקען צום שטייער-צאהלער א פאדערונג מיט א טערמין פון 14 טעג צו בעצאהלען דעם שטייער, און ערשט נאכ'ן טערמין קען די ליציטאציע פארקומען.

— דער מיניסטעריען-ראט האט אנגענומען א בעשלוס וועגען פערבעסערן די פוילישע ערציהונג צווישען דער יוגענד און ארויסגעבען א געזעץ וואס פערפליכטעט פוילישע ערציהונג פאר דער יוגענד פון בעידע געשלעכטען.

— אין ווארשא איז לעצטענ'ס אונטער'ן פארזיץ פון פירשט ראדזיוויל פארגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג פון א נייער קאנסערוואטיווער פארטיי אין פוילען, א. נ. „סטראניצטווא פראוויצי נאראדאווי", צו וועלכער עס געהערען א גאנצע רייהע אנגעזעהענע פערזענליכקייטען.

— די סאוויעטען - רעגירונג האט איינגעשטימט אז דער געוו. פוילישער אויסערן-מיניסטער דעפ. סטאמעק זאל פערנעמען דעם אמט פון פוילישען אמבאסאדאר אין מאסקווא, וועלכער וועט אויך פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען א אבמאך צווישען פוילען און רוסלאנד.

— אונטער'ן פארזיץ פון וויצע-פרעמיער בארטעל איז בעשלאסען געווארען צו שאפען א אמט אויף אויסצופארשען די פרייזען פון לעבענס-מיטטעל-ארטיקלען, אויך א אנקעטע - קאמיסיע. ס'איז אויך אנגענומען געווארען דער פראיעקט פון ארבייטס - מיניסטער וועגען שאפען - הילף פאר ארבייטסלאזע.

— דער פערוואלטונגס-ראט פון פ. ק. א. האט בעשלאסען צו ערמעגליכען קרעדיטען די שטאדטישע שפאר - און לייה-קאסעס, און די קרעדיט-קאאפעראטיוען אין דער הויך פון 9 מיליאן זלאטעס, דאס געלד וועט פערטיילט ווערען פאר די האנדווערקער און קליינהענדלער יודען און קריסטען.

— עס ווערט געמעלדען אז די רעגירונג טראכט צו אויסצוארבייטען נייע רעוויזיען-פארשריפטען וואס זאלען געבען דער רעגירונג די מעגליכקייט איינצופיהרען אויסלענדישע וואלוטע און איהר האנדעל, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס פערלייכטערן ארויסצופיהרען וואלוטעס איז געווען א פעהלער, איצט שטודירט די רעגירונג דן טשעכישע פעראָרדנונגען און דעם פרט דורך וועלכע די טשעכישע רעגירונג א. ז. דער פאקטישער בעל - הבית אויפ'ן געלד- מארק.

— די רומענישע רעגירונג וועלכע בעמיהט זיך שוין א לענגערע צייט צו בעקומען א הלואה אין אמעריקא אדער ענגלאנד טרעפט אן גרויסע שוועריגקייטען אויף דעם וועג צוליעב איהרע אנטי-יודישע געזעצען. די גרויסע יודישע פינאנסיסטען האבען ערקלערט אז כל זמן עס הערשט נישט אין רומעניען קיין פולע גלייכבערעכטיגונג פאר אלע בירגער פאר רומעניען נישט בעקומען געבארגט קיין איין דאלאר. עס זאל זיין בעשטימט געווארען א ספעציעלע קאמיסיע אויסצופארשען די רומענישע אנטי-יודי. געזעצען.

— פ'ווערט אפגעלייקענט די ידיעות אז דאס בעהאוסטע צעכען-געזעץ זאל אין די נאהנסטע טעג ערשיינען, און דאפיי זאל מען האבען אפגעפיהרט אינ'ם פראיעקט די צוואנג - צעכען און די בעפעהיגונגס-צייגנישען. דאס געזעץ וועט אזוי שנעל נישט ארויסגעגעבען ווערען צוליעב דער נעגאטיווער שטעלונג צו דעם מצד די אינדוסטריעלער וועלכע זענען געגען דעם.

וואס הערט זיך אין דער יודישער וועלט?

— דער בילדונגס - מיניסטער האט פונאנדערגעשיקט א צירקולאר צו אלע שול-קוראטאריום'ס אין וועלכען עס ווערט געמעלדען אז די יודישע קינדער פון די פאלקסשולען וואס מען לערנט נאכמיטאג זאלען פון 1 אקטאבער ביזן 15 מערץ בעפרייט זיין פון לערנען פרייטאג נאכמיטאג.

— אין דער ווירטשאפטליכער עקספערטען קאמיסיע געהען אריין 3 יודען: דר. פ. בארטשינסקי דער הויפט דירעקטאר פון דעם פערבאנד פון די מאנופאקטור פאבריקאנטען אין פוילען, פאדאוואַ עפשטיין, פארזיצענדער פון דער קראקאווער האנדעלס-קאמער, און דעפ. מושליצקי. אויך איז געווארען צוקאפטירט דער דירעקטאר פון דער צענטראלע פון יודישען סוחרים - פעראיין אין פוילען אינזש. זייערמאן.

— א דאנק די השתדלות פון נאציאנאל-ראט איז לעצטענ'ס אנגעקומען א ענטפער פון יוסטיץ - מיניסטעריום אז ס'איז פונאנדערגעשיקט געווארען א צירקולאר צו אלע געריכטען, אז אין דער צוקונפט זאלען קיין יודישע פראצעסען נישט בעשטימט ווערען אויף שבת.

— ביז איצט האט זיך געפיהרט אז ווען דער שטאדט-עקזעקוטאר איז געקומען צו א שטייער-צאהלער איינצומאהנען שטייער, איז נישט אכטגעגעבען דאריף צי זיין קומען איז געווען נויטיג אדער נישט, און אזוי פ'איז געמאכט געווארען א זאַיעגנטע אדער נישט, איז אלץ געווארען צוגערעכענט 5 פראצ. פאר דעם קומען פון עקזעקוטאר. לעצטענס האט וועגען דעם אינטערווענירט די צענטראלע פון יודישען סוחרים-פעראיין, און איהר השתדלות האט געהאט א געוויסען ערפאלג, אזוי אז עס זאל אין די נאהנסטע טעג ארויסגעגעבען ווערען וועגען דעם א נעהערונג פעראָרדנונג.

— לעצטענס איז פארגעקומען אין פינאנץ - מיניסטעריום א זיצונג וועגען דעם בעהאוסטען קאנצעסיע-געזעץ, פון יודישען קאלא האט זיך און דער זיצונג בעטייליגט דעפ. הויזנער וועלכער האט פערטרעטען די ביז-יעצטיגע קאנצעסיע-איינענטימער. ס'איז געקומען צו א פערשטענדיגונג אז דאס אַוועקנעמען די קאנצעסיעס קען נישט פארקומען ביי פערזאנען עלטערע פון 50 יאהר, און די וואס האבען די קאנצעסיעס שוין 12 יאהר, און די נאהנסטע טעג וועלען נאך פארקומען ווייטערע קאנפערענצען וועגען דער פראגע.

— פראפ. פיק און דעפוטאט גרינבוים האבען בעזוכט דעם אויסערן-מיניסטער זאלעסקי. דער בעזוך האט געדויערט א שעה און האט געטראגען א פריינדליכען כאראקטער. פראפ. פיק האט געדאנקט דעם מיניסטער פאר זיין פאזיטיווע און פריינדליכע בעציהונג צום ציוניזם.

— אויף דער בעמיהונג פון דער פויליש- פאלעסטינישער האנדעלס-קאמער האט די פוילישע רעגירונג ערלויבט אריינצופיהרען 25 טויזענד פאמעראנצען פון ארץ - ישראל קיין פוילען.

— פון ירושלים ווערט געמעלדען אז די פאלעסטינער רעגירונג האט בעשטימט א הלואה פון 50 טויזענד פונט פאר דער תל-אביב'ער שטאדט-פערוואלטונג.

פון דער וועלט.

יעדער אנשטענדיגער מענש דארף האבען פיער ווייבער.

אין א רעדע צו זיינע מיניסטארען וועגען זיינע פאליטישע אויספארשונגען און פלענער, האט קעמאל פאשא דער טערקישער פרעזידענט געזאגט:

„מיר האבען שוין דורכגעפיהרט דאס געזעץ, וואס שאפט אב אונבעגרענצטע פיעלווייבעריי. אויפ'ן ארט פון דעם אבגעשאפטען געזעץ האבען מיר ארויסגעלאזט א דעקרעט וועלכער ערלויבט יעדען טערקישען בירגער צו האבען פיער ווייבער. אבער זיי מוזען זיין געזעצליכע, נישט קיין קעבס-ווייבער.

איידער מיר האבען דעם דעקרעט ארויסגעלאזט, האבען מיר א סך געפערשט און נאכגערעכנט, געטראכט און געמאסטען, און מיר האבען זיך איבערצייגט, אז ער וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען פאר אונזער לאנד

דאס אלטע געזעץ, וואס האט ערלויבט אונבעגרענצטע פיעל ווייבעריי, האט געמאכט שקלאפען פון אונזערע פרויען. די מענער זענען נישט געווען געבונדען מיט קיין שום פערפליכטונגען, זיי האבען חתונה געהאט, ווען זיי האבען געוואלט און אפגעשיקט די פרוי, ווען זי האט זיך זיי צוגעגעסען.

אונטער דעם נייעם געזעץ, וואס ערלויבט נישט מעהר ווי פיער ווייבער וועט יעדער טערקישער בירגער דארפען געבען געגוג פערזיכערונג, ערשטענס: אז ער איז פערמעגליך אויסצוהאלטען פיער ווייבער און צווייטענס, און דאס איז דער הויפט-צוועק פונ'ם געזעץ אז ער נעמט זיך אונטער צו פ ע ר מ ע ה ר ע ן מיט די פרויען און ברענגען גרויסע פאמיליעס.

דאס גרויסע געזעץ בעטרעפט אויך, אז נאר די, וואס זענען צוגעפאסט צו ברענגען נייע געזונדע דורות, וועט געגעבען ווערען די ערלויבניש חתונה צו האבען. דאס הייסט אז א קראנקער מאן וועט אפילו קיין איין ווייב נישט טארען האבען.

די שטענדיגע מלחמות האבען ארויסגעצווינגען דעם זאפט פון דער מענער-קראפט ביי אונזער ראסע. מיליאנען יונגע מענער זענען געפאלען אויף די שלאכטפעלדער. הונדערטער טויזענדער מענער זענען אויסגעקויליעט געווארען מיט אנדערע ציוויליזאציעטען. מיר האבען אנ'איבערפלוס פון א פרויען בעפעלקערונג, וועלכער איז גרעסער ווי דער פרויען-איבערפלוס ביי אלע אנדערע פעלקער.

אונטער דער ווירטשאפטליכער אויפזיכט פון דעם נייעם געזעץ וועט אונזער בעפעלקערונג אין איין דור רעגענעריר'ן די צאהל פון אכציג מיליאן. עס וועט נישט נעהמען צוואנציג יאהר צו בעוויזען דעם דאזיגען וואונדער. דאן געשטיצט פון א ריזיגער בעפעלקערונג, וועט אונזער רעגירונג קענען רעדען צו אייראפא. אייראפא וועט דאן מוזען הערען וואס מיר האבען צו זאגען.

אין דער גאהנטער צוקונפט וועט אייראפא זיך מוזען רעכענען מיט דער טערקישער ראסע, וועלכע האט מיט פיער הונדערט יאהר צוריק געהערשט פון די גרעניצען פון פערסיען ביז די גרעניצען פון עסטרייך, און פונ'ם שווארצען ים ביז די צענטראלע ברעגען פון אפריקא, ווען ענגלאנד איז געווען נישט מעהר ווי א פראווינץ.

אויב מיר וועלען מיר בעוויזען אויסצוהאלטען אונזער מאכט נאך צוואנציג יאהר, וועלען מיר ווערען אזא שטארקע מאכט, אז קיין אייראפעאישע פאלק וועט נישט וואגען אונז צו בעליידיגען".

(9 די „זאקלאדניקעס".

א ריהרענדע געשיכטע פון די לעצטע מלחמה - יאהרען

פון י. געלזאהן.

(פארטזעצונג.)

דער רב איז א דערשראקענער אריין אינ'ם צימער וואו ס'האט זיך געפונען א גרויסער עולם פערזאמעלטע און אלע זענען געזעסען זעהר דערשראקען. דער רב האט זיך אוועקגעזעצט אויבענאן און אנגעהויבען אויספרעגען גענוי וואס עס קומט פאר אין שטאדט, און פון וועגען עס שטאמען די שמועות וועגען א פאגראם וואס זאל פארקומען אין שטאדט.

עס האט זיך ארויסגעוויזען אז אין שטאדט איז פארלויפיג שטיל, נאר דאס רוסישע מיליטער האט פולט אן אלע גאסען פון שטאדט, ווארפט א שרעק אויף די יודען, וועלכע זענען איבערראשט צוליעב די ידיעות וואס קומען אן פון אנדערע שטעדט, וואו די רוסען מאכען בסדר פאגראמען און מהוען אן די יודען גרויסע צרות.

דער רב האט זיך בעמיהט צו בערוהיגען די פערזאמעלטע, אז גאט וועט העלפען און אלץ וועט אריבער בשלום, און דער עולם האט זיך שוין אנגעהויבען צערוהיגען, אבער באלד האט זיך דערהערט פון גאס א הילפס-געשריי, און ווען זיי האבען ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער האבען זיי געזעהען ווי דן וועלנער שלאגען מיט זייערע נאגייקעס די דורכגעהענדע יודען. און עס ווערט אין גאס א שרעקליכער טומעל, יודען מאכען צו די געוועלבער און אלע לויפען אהיים אין דער גרעסטער שרעק.

די פערזאמעלטע ביים רב האבען פערלאזט דעם רב'ס וואוינונג און יעדער איז אין דער גרעסטער פערצווייפלונג אהיים געלאפען, די קולות און געשרייען אין גאס האבען זיך וואס אמאל מעהר פערגרעסערט. דער רב האט מורא געהאט צוצוגעהן צום פענסטער, און ער איז אריין אין הינטערצימער וואו די רביצין איז געזעסען מיט מרים'ן און איהר חתן, וועלכע זענען געווען אזוי פערנומען אין זייער שמועסען, אז זיי האבען גארנישט געהערט וואס אין גאס קומט פאר.

די רביצין איז געווען א זעהר קלוגע און סימפאטישע פרוי, און מרים מיט דניאל'ן האבען באלד בעקומען צו איהר דעם פולען צוטרוי, און האבען איהר איבערגעבען זייער גאנצע געשיכטע, די רביצין האט ווי א צערטליכע מוטער געטרייסט אז מיט זייערע עלטערן האט קיין שלעכטעס נישט פאסירט, און זיי דארפען נישט זיין בעזארגט, אבער דאס אריינקומען פון רב מיט זיין שרעקליכען אויפגערעגטען פנים האט זיי דערציטערט.

וואס איז, משה ? האט די רבי'צין דערשראקען געפרעגט.

איהר זיצט דא און איהר וויסט גארנישט וואס אין שטאדט קומט פאר, די רוסישע סאלדאטען שלאגען יודען, די פערצווייפעלטע הילפס - געשרייען הערען זיך אין אלע גאסען, און איך ווייס נישט וואס צו טהון: האט דער רב געזאגט שרעקליך דערצווייפעלט.

מרים מיט דניאל'ן האבען זיך אויפגעהויבען, און ענדליך האט מרים געזאגט:

איך מיין אז ס'איז געקומען דן צייט אז איך זאל עפיס טהון.

עס איז זעהר א געפעהרליכער שריט —האט דניאל געזאגט נאכדענקענד, —איך קען מיר אלעין נישט העלפען.

10.

דער רב האט געזעהען אז די יונגגעלייט האבען נאך עפעס א געהיימניס וואס זיי האבען איהם נישט ענטדעקט, און דאס איז בנוגע דעם רוסישען קאמענדאנט, און ער האט זיי נישט געוואלט פרעגען וואס דאס בעדייט, אבער באלד האט דניאל געזאגט:

מרים, פארוואס וועלען מיר אייגענטליך פערהוילען פון דעם געעהרטען רב, לאמיר איהם אלעס איבערגעבען, און זיך מיט איהם בעראטען וואס מיר האבען צו טהון.

די ביזט גערעכט—האט מרים געענטפערט—און באלד האט זי אין קורצע ווערטער דערצעהלט וואסערע גרויס געפאהר עס האט זיי געדראָהט ווען לאפוכין האט זיי דערקענט, מיט זייערע פאלשע פעספארטע, און ווי אזוי זיי זענען געראטעוועט געווארען א דאנק דעם חלום וואס לאפוכין האט געזעהען און די שבועה וואס ער האט געגעבען זיין פאטער דעם אלטען גענעראל, און ווי ער האט זיי געהייסען שנעל אוועק פון שטאדט, ווייל ער איז מיט זיך נישט זיכער...

דאס איז א זעהר הארבע שאלה,— האט דער רב געזאגט—אויסהערענדיג די געשיכטע, און איך מיין נישט צו דן טענה ע"פ דין אנצושטעלען דיין עהרע, אפילו צו ראטעוען א גאנצע עדת יודען, איבערהויפט דאס בעטען ביי איהם א טובה, קען די לאגע נאך ערגער מאכען נאר אזוי ווי איהר האט מיט אבגערעדט צו קומען צו איהם נעהאויר הערען וואס עס הערט זיך מיט אייערע עלטערן, קען דאס הייסען אז איהר זענט געקומען הערען דעם, און ביי א געלעגענהייט קענט איהר אונז אפשר א טובה טהון, און אבראטעווען דאס לעבען פון א גאנצע יודישע קהלה.

פאר מיין עהרע האב איך נישט קיין מורא—האט מרים שטאלץ געענטפערט —איך בין א יודישע טאכטער, און קיינער וועט ביי מיין לעבען מיך נישט בעזיגען, עס קען זיך העכסטענס האנדלען וועגען מיין לעבען און דאס מוז איך מקריב זיין פאר א גאנצע יודישע קהלה,—קום דניאל, מיר געהען צו איהם.

דניאל האט זיך אויפגעכאפט, און בעידע יונגע-לייט האבען זיך געלאזט צו דער טיער, אבער דא האט זיי דער רב צוריקגעהאלטען און געזאגט:

איהר געהט אין מקום סכנה, וועל איך אייך מיטגעבען מיין ברכה.

דער גרייז-גרויער רב האט ארויסגעלעגט זיינע הענד אויף זייערע קעפ און אין דער שטיל געזאגט א תפלה, בעת ווען ער האט זיך שטארק צו־וויינט אויך די רבי'צין האט שרעקליך געיאמערט.

די קולות און געשרייען פון גאס זענען געווארען שרעקליכער, און דניאל האט געזאגט:

מיר קענען לענגער נישט פערזוימען, יעדע מינוט איז פערבונדען מיט פיקוח-נפשות, קום מרים לאמיר געהן.

מיט שנעלע טריט זענען זיי ארויס פון צימער, און דער רב האט זיי נאכגעשריגען: איהר זאלט אייך אויפ'ן וועג נישט אנגעמען פאר קיינעם, ווייל דאס קען ארויסרופען א חשד אז איהר זענט יודען, און אונזער גאנצער פלאן חלילה צושטערען.

זייט רוהיג, רבי,—האבען בעידע געענטפערט—מיר זענען נישט קיין קינדער און מיר פערשטעהען אונזער הייליגע אויפגאבע.

דער שומר ישראל זאל אייך אבהיטען—האט דער רב נאכגעשריגען,— אבער זיי זענען שוין געווען ווייט אין גאס.

זעהענדיג וואס אין גאס קומט פאר זענען זיי שרעקליך דערשראקען געווארען, און דניאל האט זיך ווירקליך געוואלט ווארפען אויף די כולונאנישע סאלדאטען וואס האבען געמאכט אין שטאדט א פארמעלען פאגראם, אבער דעם רב'ס ווערטער האבען איהם צורוקגעהאלטען, און זיי האבען זיך געמוזט פאסען, און מאכען זייערע הערצער ווי שטיינער, אדורכגעהענדיג דורך די גאסען וואו ס'זענען פארגעקומען דן שוידערהאפטע סצענעס.

מיט שנעלע טריט האבען זיי געשפרייזט איבער די גאסען, קיינער האט זיי נישט געשטערט, ווייל זיי האבען בעידע אויסגעזעהען ווי עכטע רוסען, און נאך עטליכע מינוט זענען זיי אנגעקומען צו דער וואוינונג פון קאמענדאנט לאפוכין, צו וועמען זיי האבען זיך גענומען דורך זיין אדיוטאנט און מיט אונטערגעהאקטע פוס זענען זיי בעידע אריין אין זיין קאבינעט.

(פארטז. קומט.)

וואָסערע קולטור-ארבייט דארפען פיהרען די עקאנאמישע פעראײנען?

III

די קאָאָפּעראַטיווע באַנק.

עס הערט אין פלוג מאנכע פערזאָנ-רען, אז שרײבענדיג הײנט װעגען דער נויטווענדיגקײט צו פיהרען קולטור ארבייט דורך פערשידענע עקאנאמישע אינסטיטוציעס בעריהרען מיר אויך די היגע יודישע קאָאָפּעראַטיווע בענק.

עס קען זיך פרעגען, ווי קומט עס א באנק, וואס האט שטענדיג צו טהון מיט באנק אָפּעראַציעס, מיט טראנזאקציעס פון וואלוטא, דיסקאנטא, אינקאסא א. א. וו. צו קולטור ארבייט?—אבער אזוי איז עס נישט, דען עס רעדט זיך נישט וועגען סתם א באנק וועלכע איז אהערגעשטעלט אויף געשעפט'ס יסודות נאר וועגען א קאָאָפּעראַטיווע באנק, אלס געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, אלס א פעראײן וואס האט אויסשליסליך געזעלשאפטליכע אויפגאבען, און וועלכע בעקומט דאך אין אזא אדער אנדערע פארם שטיצע פון דער געזעלשאפט, און איז דאריבער אין איהר כאראקטער און איהרע אויפגאבען און פליכטען, גאנץ ווײט פון די פערשידענסטע פּריוואטע בענק.

עס איז גענוג אנצוּווײזען אויף די אומשטענדען בײ וועלכע די דאזיגע בענק זענען ענטשטאנען און זיך ענטוויקעלט, עס איז גענוג אנצומערקען דאס גראד אין דער צײט ווען די גרעסטע בענק אין לאנד האבען זיך אנגעהויבען צו וואקלען אין זייער עקזיסטענץ, גראד דאמאלס ווען דאס גאנצע באנק וועזען איז געווען בעדראהט פון מפלה'דיגען אונטערגאנג, האט זיך אין א שנעלען טעמפא פערשפרייט און פונאנדערגעוואקסען די בעוועגונג פון גרינדען קאָאָפּעראַטיווע בענק. און ווען דער קלענערער סוחר, קלײנהענדלער אדער האנדווערקער האט אין די אלע פּריוואטע בענק נישט געקענט בעקומען קיין קרעדיט, זענען די דאזיגע קאָאָפּעראַטיווע בענק געשאפען געווארען.

און עס איז דאך קיין ספק נישט אז די דאזיגע בענק, די דאזיגע קרעדיט קאָאָפּעראַציע, איז א טייל פון דער אלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער בעוועגונג, וועלכע האט זיך די לעצטע יאהרען שטארק פערשפרייט און זיך פונאנדערגעוואקסען.

אמייסטען זענען ענטשטאנען קאָאָפּעראַטיווען אין דער נאך דער קריג'ס עפאכע, ווען דאס אויסנוצען די גרויסע ברייטע מאסען דורך יחידים האט אנגענומען אונגעהויערע פארמען. דאן האט געמוזט קומען די קאָאָפּעראַציע, וואס איהר פּראקטישער זין איז דאס פעראײניגען זיך פון די קלײנע און שוואכע אין איין עקאנאמישער פעראײניגונג, כדי מיט געמײנזאמע כוחות זיך צו פערטײדיגען אקעגען דער שיטדער לאסט, צו דאס זאלען זײן גרויסע פּראצענטער אדער הויכע פרייזען פאר לעבענס-מיטעל, צו דאס זאל נאר זײן געהאנדלען גענוי די פערקויפ'ס בעדינגונגען פון די גאר גרויסע סוחרים, אין וועלכע פאלען ווערען געגרינדעטע קרעדיט קאָאָפּעראַטיווען, ר. ה. קאָאָפּעראַטיווע פאלק'ס בענק, פערבראויכ'ס קאָאָפּעראַטיווע, און אין פערשידענע פאלען הורט פערקויפ'ס קאָאָפּעראַטיווען אדער גאר פּראדוציר-קאָאָפּעראַטיווען.

אין די קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג אין דעם אדער יענעם געביט איז נאר איין רונגעלע אין דער קייט פון דער גרויסער בעוועגונג, וועלכע האט זיך לעצטענ'ס פונאנדערגעוואקסען אין גאנץ אייראפּא, און וועלכע ווערט בײ אונז גערן געשטיצט פון די אמעריקאנער געלדער, וועלכע קומען אן פון צייט צו צייט.

צו דער דאזיגער קאָאָפּעראַציע-בעוועגונג, וועלכע ווערט אויך אין פערשידענע פאלען אונטערשטיצט פון דער רעגירונג, ספּעציעל אין פאלען פון ווירטשאפטליכער אינפלאציע, וועלכע מיר לעבען לעצטענס איבער אהן אויפהער דורך, האט די געזעלשאפט אזוי די אלגעמיינע ווי די יודישע א גאנץ ערנסטע בעציהונג.

דען אונטער דעם בעגריף קאָאָפּעראַציע פערשטעהען מיר געגענווירקונג, געגענזײטיגע אויסנוצונג און שפּעקולאציע—דען דאס וואס עס איז מעגליך אין פּריוואטע געשעפט'ס אונטערנעהמונגען, קאן נישט האבען קיין ארט אין דער קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעהמונגען, דארט ווי אז עס טרעטען ארויס די אונטערנעמער, אויב נישט פון גאנצען כלל איז יעדענפאלס פון א בעדײטענדען טייל פון איהם.

די קאָאָפּעראַטיווע בענק זענען דאריבער געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע ציהען זייער חיונה פון דער געזעלשאפט און זענען צום נוצען דער געזעלשאפט, זיי זענען מעהר ווי געוועהנליכע בעל-תכלית'דיגע אונטערנעהמונגען, זיי האבען א פיעל וויכטיגע אויפגאבע צו פערברייטערן און ערציהען די מיטגלידער פאר דער דאזיגער בעוועגונג.

דער גרויסער פערנעהם, וועלכע עס פערנעהמט אין פוילען די יודישע קרעדיט קאָאָפּעראַציע, וועלכע קאנצענטרירט ארום זיך א האלב מיליאן ארגאניזירטע יודען, ברענגט אונז צו דענקען, דאס די טעטיגקייט פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק בײ אונז אין שטאדט דארף ווערען בעגלייט אויך פון א נעהיסער קולטור-ארבייט, דאס האט עס האט זיך אמבולט'סטען ארויסגעוויזען אויף די פערשידענע פערזאמלונגען, וועלכע זענען פון די בענק גערופען געווארען.

בײ א גאנץ בעדײטענדען טייל פון די מיטגלידער איז נישט פערהאן דער געהעריגער זין פאר א קאָאָפּעראַטיווער באנק, א גרויסער טייל פון זיי גיט זיך נישט אב דעם געהעריגען דין-וחשבון, וואסערע אויפגאבען אזא באנק האט פאר זיך, און וואסערע אויפגאבען די מיטגלידער פון דער דאזיגער באנק האבען.—דאס מײנט אונז אז אין דעם פרט איז וועהר וויכטיג צו פיהרען א ברייטע קולטור און אויפקלערונגס-ארבייט.

אין דער קאָאָפּעראַטיווער ארבייט זענען דאך דא פערשידענע פראגען און זאגאטער פּראבלעמען, וואס דארפען די ברייטע מאסען ארגאניזירטע מיטגלידער אויפגעקלערט ווערען, וואס זענען דען צ. ב. ש. פאר די מיטגלידער בעקאנט די קאָאָפּעראַציע-פּרינציפּען פון שולצע-דעליטש, רײפאײזען אדער לוצאטי, אדער זענען דען פאר די מיטגלידער בעקאנט פערשידענע אנדערע פראגען וועלכע ווערען אין דער קאָאָפּעראַטיווער ארבייט ארויסגערוקט און וועלכע ווערען אין א געוויסער פארם בעהאנדעלט אין דעם ארגאן וואס די צענטראלע גיט ארויס?

און דאס זענען פראגען פון ערשטער וויכטיגקייט. עס איז אומבעדינגט נויטיג דאס די ארגאניזירטע מיטגלידער פון די בענק זאלען אין דעם פרט געוויסע קולטור-בילדונג בעקומען, דען שוין הערבערט ספּענסער האט געזאגט אז די קאָאָפּעראַציע קאן זיך ענטוויקלען בלויז לויט דער גרויס פון די גײסטיגע און מאראלישע אײגענשאפטען וועלכע פיהרען די בעוועגונג.

די קאָאָפּעראַציע אלס אידעע מוז אויסער מיטגלידער אויך איהרע אידעען-טרעגער האבען—און דאס קאן געשעהען נאר דורכ'ן פיהרען א ברייטע קולטור-ארבייט.

די היגע קאָאָפּעראַטיווע בענק דארפען דאס האלטען פאר זײערע אויפגאבען, זיי דארפען אנהויבען פיהרען א קאָאָפּעראַציע-אויפקלערונגס-ארבייט, עס דארפען אפט אנגעארדענט ווערען פאר די מיטגלידער רעפעראטען איבער פערשידענע פראגען, עס דארפען אײנגעארדענט ווערען שמועסען איבער פערשידענע קאָאָפּעראַציע-פּראבלעמען וועלכע דארפען ווי געהעריג בעלויכטען ווערען און האבען אנ'עבקלאנג אין די מוחות פון די מאסען מיטגלידער.

דען פאר א קאָאָפּעראַטיווע באנק איז נאך וועניג בלויז צו פיהרען גוטע באנק-אָפּעראַציעס. עס דארף אזא ארט קולטור-ארבייט אנגעהויבען ווערען, און מיר זענען זיכער דאס אויב דער ראט וועט אין דער הינזיכט זײן אויפמערקזאמקייט ווענדען, וועט זיך עס בעגעגענען מיט דער צופרידענהייט פון אלע מיטגלידער, און די רעזולטאטען דאפון וועלען געוויס זײן געוואונשענע און פרוכטבארע.

דאס מאכען בעוואוסטזיניג די מיטגלידער אז זיי זאלען פערשטעהן זײערע אויפגאבען און די אויפגאבען וואס די באנק האט ווירקליך צו ערפילען, וועט ער אהן ספק פערמײדען און בעזײטיגען די מיספערשטענדנישען און די רײבונגען וואס קומען לעצטענ'ס פאר אין דער היגער „באנק ספּולדזיעלטשי" צווישען דעם ראט און די מיטגלידער, און וועט אײנפיהרען צווישען זיי די נויטיגע פרײנדליכע הארמאניע, וועלכע וועט פיעל מיטווירקען צו דער נארמאלער ענטוויקלונג פון די בענק.

א בעקאנטער.

די לעצטע זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

דאס הענגען האט די ראטמענער האבען צווישען זיך געשושקעט די לעצטע צייט, דאס נישט הארמאנישע צוזאמענלעבען זיך און צוזאמענארבייט פון מאגיסטראט, האט בעקומען א בולט'ן אויסדרוק, אויף דער לעצטער זיצונג פון שטאדט-ראט.

מען האט געשמועסט אז אונטער די קוליסען פון דער שטאדטישער ווירטשאפט—און מאגיסטראט, קומט עפעס פאר. די לאזניקעס פון דעם לינקען לאגער און די לייטונג פון מאגיסטראט לעבען עפעס נישט בשלום צווישען זיך, און עס איז שוין לויט ווי מען זאגט געקומען צו גאנץ שטארקע רײבונגען, וועלכע קאנען האבען ערנסטע פאלגען און ארײנפיהרען פערשידענע ענדערונגען אינ'ם צוזאמענשטעל פון דעם מאגיסטראט.

אבער דאך האט זיך קיינער נישט בערעכנט אז די פראגע וועט שוין אזוי שנעל און פלוצים אויפגעטראגען ווערען פאר דער זיצונג פון שטאדט-ראט.

און געשעהען איז עס גאנץ אומגערעכט, בײם בעהאנדלען די פראגע וועגען קאנטראלירען די קאנאליזאציע-ארבייט, האבען זיך געלאזט הערען פערשידענע מיינונגען, דאס די ארבייט ווערט געפיהרט אין פעהלערהאפטען אופן. אז די גאנצע קאנאליזאציע, לויט ווי עס זאגען זאכקענער וועט אונז קיין גרויסען נחת נישט פערשאפען. דען נאך איידער וואס מען זענען שוין די רעהרען אין פערשידענע ערטער געפלאצט, און אויך דער גרויסער רזינער וואסער רעזערוואר, וועלכער האט געקאסט אזוי פיעל ארבייט און געלד, האט איידער ער האט נאך דערזעהען פאר זיך א טראפ וואסער, זיך שטארק דערשראקען און עפעס געפלאצט, און אין צוזאמענהאנג דערמיט האט זיך געהערט אנ'אפיציעלע ערקלערונג פון דער וויצע פרעזידענט צוזאמען מיט צוויי לינקע לאזניקעס, וועלכע ערקלערען דאס זיי נעמען ארויס פון זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר די קאנאליזאציע ארבייט, וועלכע ווערט געפיהרט דורכ'ן „אולען" אין הסכם מיט'ן מאגיסטראט, דען פאר דער ארבייט איז פעראנטווארטליך דער פרעזידענט זעלבסט.

די דאזיגע ערקלערונג האט אלעמען געטראפען ווי א דונער, און איז געווארען דורך די ראטמענער פערשידענארטיג קאמענטירט. יעדענפאלס איז עס געוועזען א אנזאג פון איבערטראגען די רײבונגען פון מאגיסטראט אין שטאדט-ראט ארײן.

די זיצונג האט געדויערט נאך 7 א זייגער אונטער'ן פארזיץ פון פרעזידענט בוגיסקי, און נאכ'ן אדורכליינען דעם פּראטאקאל פון דער פאריגער זיצונג איז צוגעטרעטען צום צווייטען מאהל אבגעשטימט די פארשלאגען וועגען דער הלואה פון 180 טויזענד זלאטעס אויף אײנקויפען ביליגע לעבענס-מיטעל.

דאן ווערט פארגעלייגט א רייהע אינטערפּעלאציעס, וועגען דער בעפארשטעהענדער פערבינדונג פון וואסער-לייטונג און אנדערע, וועלכע ווערען צוליב דער אבוועזענהייט פון פּרעזידענט נישט בעטראכט.

עס ווערט דאן פארגעלייגט דער בריף פון פּרעזידענט, דאס ער קען צו דער היינטיגער זיצונג נישט קומען.

דאן ווערען פארגעלייגט א רייהע דרינגענדע אינטערפּעלאציעס, וועלכע וועלען בעטראכט ווערען אויף די קומענדע זיצונגען פון שטאדט-ראט. און עס ווערט בעהאנדעלט דער דרינגענדער פארשלאג פון דער קאמיסיע, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען אויף דער פריהעריגער זיצונג צו קאנטראלירען די קאנאליזאציאנס ארבייט.

אין דעם פארשלאג פאדערט די קאמיסיע אז דער שטאדט-ראט זאל אנערקענען א געוויסע סומע אויף אײנצולאדענען ספּעציעלע פאכלייט בײם קאנטראלירען די ארבייט.

דאבײ ענטוויקעלט זיך א היציגע דיסקוסיע און וועלכער עס ווערט אנגעוויזען דאס די ארבייט איז פעהלערהאפט אדורכגעפיהרט געווארען.

בעת דער דעבאטע טראגט ארײן דער וויצע פרעזידענט צוזאמען מיט אײניגע לאזניקעס אנ'ערקלערונג אז אזוי ווי זיי זענען נישט געוועזען בײ די פערהאנדלונגען מיט „אולען" נעמען זיי ארויס פון זיך די פעראנטווארטליכקייט פון דער דאזיגער ארבייט.

ראטמאן שפּילער טרעט ארויס נעגען דער ערקלערונג און וויל אז מען זאל פאר אלע בעשליסען און טהאטען פון מאגיסטראט ווערען פעראנטווארטליך אלע לאזניקעס און אויב דאס איז נישט געשעהען מיט'ן הסכם פון מאגיסטראט האט מען עס געדארפט פארשטעלען דעם שטאדט-ראט פריהער.

דער וויצע פּרעזידענט דזובא ערקלערט דאן, דאס אין מאגיסטראט קומען פאר אזעלכע זאכען, וועגען וועלכע נישט אלע לאזניקעס וויסען, און דאריבער קענען נישט אלע לאזניקעס זײן דערפאר פעראנטווארטליך.

עס האט זיך בײ דער פראגע געוואלט ענטוויקלען א ברייטערע דיסקוסיע וועלכע וועט ווארשײנליך בעקומען איהר אויסדרוק אויף די קומענדע זיצונגען פון שטאדט-ראט.—און דער פארזיצענדער ערקלערט דאס לויט'ן רעגולאמין קען די דאזיגע ערקלערונג נישט בעטראכט ווערען אויף דער זעלבער זיצונג קיין דיסקוסיע קען דאריבער אויף דער היינטיגער זיצונג נישט צוגעלאזען ווערען.

צום סוף ווערט בעשלאסען דאס אויפ'ן פארטראג פון דער קאנטראל-קאמיסיע, דארף דער מאגיסטראט אײנלאדענען זאך-קענער, אויסצופארשען גענוי די אדורכגעפיהרטע קאנאליזאציע ארבייט.

דאמיט ווערט די זיצונג געשלאסען.

לכל זמן...

(א מאנאלאג פון א יוד, א מטופל).

לכל זמן, אויף אלעם איז פערהאן א צײט—האט געזאגט דער חכם מכל אדם, דער קלוגסטער פון אלע מענשען, און אזוי איז דאס. יעדע זאך האט זיך זײן צײט, ווען דאס גילט, ווען דאס האט א ווערט און א חשיבות, אפילו דער וואס ווערט פון אלעמען אויסגעלאכט און אלע מאכען פון איהם חוזק, האט אויך זײן צײט ווען מען רעכענט זיך מיט איהם, און מען איז איהם מקנא.

אט, למשל, איז מען זיך אין די לעצטע צײטען נוהג חוזק צו מאכען פון א יוד א מטופל, וואס האט זײן אײגענע שעהנע עטליכע קינדערלעך, און מען האלט איהם פאר עפּיס א לעקיש, פאר נישט קיין קולטור-מענש, ווי זיי רופען דאס אויף זײער לשון. איך רעד שוין נישט וועגען די נײע מאדעס, וועגען די דאזיגע וואס ווילען זיך נישט פיהרען אזוי ווי אונזערע אבות אבותינו האבען זיך געפיהרט, נאר זיי פיהרען זיך, ווי זיי רופען דאס, מיט א סיסטעם, און זיי זענען אפילו אז יעדע פרנסה האט איהר ספּעציעלען סיסטעם. פון די לייט איז דאך שוין אבגערעדט, נאר אפילו צווישען די שעהנע יודען, צווישען אנשי-שלומינו, מאכט מען אויך אין דער שטיל חוזק פון א יוד א מטופל, אזוי ווי ער וואלט גארנישט געהאט מן הישוב.

איז דאך אבער, ווי געזאגט, לכל זמן, אויף יעדער זאך קומט איהר צײט, און אזוי איז דאס איצט געקומען א צײט אויך פאר אזעלכע יודען ווי איך.

אנגעהויבען האט זיך דאס נאך מיט עטליכע יאהר צוריק, ווען גראבסקי בשעתו האט ארויסגעגעבען א פּראווע אז יעדער מענש מוז צאהלען א פּאדאטעק פון זײנע הכנסות, איז דאמאלס געזאגט געווארען אז דער וואס האט מעהר קינדער זאל וועניגער צאהלען, און נישט עפּעס סתם וועניגער צאהלען אהן חשבון, נאר די ספּעציעלע רעכען-מײסטערס האבען געמאכט א עקסטרא-טאבעלוצא, אז למשל דער וואס האט דריי קינדער זאל צאהלען וועניגער, ווער עס האט גאנצע זעקס—נאך וועניגער, און אזוי בסדר.

דאמאלס האט מען שוין אנגעהויבען זעהען בחוש אז האבען א סך קינדער איז נישט חלילה קיין אומגליק, מען האט שוין געקוקט אויף אזאלכע יודען ווי איך מיט אנדערע אויגען, און מ'האט געזעהען אז מיט די קינדער ברענגט מען זיך עפּעס אײן.

מענשען האבען דוקא געהאלט אויפהײען אז זיי האבען וואס מעהר קינדער און דארפען צאהלען וועניגער פּאדאטעק, אבער די קאנטראלערען האבען מן הסתם גוט געקאנטראלירט, און דער וואס האט נישט געהאט קיין קינדער האט געמוזט בעצאהלען.

נאר דאס אלץ איז גארנישט אקעגען דעם וואס האט זיך לעצטענ'ס געמאכט. איצט שטעהען מיר אויף דער אמת'ער מדרגה, און מיר זעהען ערשט וואס אונזערע קינדערלעך זאלען לעבען ברענגען אונז אײן.

דער היגער שטאדט-ראט האט, כידוע ארויסגעגעבען א פּראווע אז מען זאל צאהלען פּאדאטעקס פון וואוינונגען, און בײ דעם איז מען וועהר שטארק מדקדק אויף וויפיעל קינדער יענער האט, אז דער וואס האט א סך שטובען און וועניג קינדער מוז צאהלען א גרויסען פּאדאטעק, און דער וואס האט א סך קינדער און וועניג שטובען איז אינגאנצען פּטור. איהר הערט, אז מען האט א סך קינדער איז מען פריי פון פּאדאטעק.

און עס קומט מאקי אויס לויט חשבון, אז מײן שכן פון ערשטען שטאק וואס וואוינט אין 4 שטובען און האט איין קינד, וועט מוזען צאהלען א גאר נושקשה'דיגען פּאדאטעק, און מיר וואס כ'וואוין מיט מײנע 6 קינדערלעך זאלען לעבען אין איין שטוב, וועט געוויס נאך א רעשט קומען.

נו, זעהט איהר דאך דאכט זיך שוין בולט אז איך האב א סך מעהר נוצען פון מײנע קינדער ווי ער פון זײנע שטובען.

און אט הערט א מעשה:

א שכן פונ'ם זעלבען הויז, א יוד א עושר וואס כ'האב נאך מיט איהם קיינמאל קיין ווארט נישט גערעדט, און וועלכער האט שוין אויסגעגעבען אלע קינדער און פערנעמט דוקא א דירה פון 6 שטובען, האט זיך מיאוס שטארק דערשראקען פאר דעם דאזיגען נײעם פּאדאטעק, און ער איז געקומען צו מיר מיט א קאמבינאציע אז כ'זאל איהם אויסבארגען עטליכע קינדער, פ'הייסט געמען וויל ער זיי נישט, נאר ער וויל זיי אנשרײבען בײ זיך און אזוי ארום זיך פּטר'ן פון פּאדאטעק.

בין איך דאך אבער א יוד נישט קיין פרײער. נו, וואס מיינט איהר האט אזא יוד ווי איך איהם געענטפערט? גאר פשוט, איך האב איהם געזאגט מתכי תיתא, א טובה מהון א יוד דארף מען אוראי, נאר איך מיין אז ס'איז נאר א געפאסטער שידוך, די האסט צופיעל שטובען, און איך — צו וועניג, נו, לאמיר זיך טוישען מיט די דירות, נעם דו מײן" דירה און איך וועל נעמען דײנע, וועלען מיר ביידע עפ"י דין פּטור זײן.

מײנער איז אפילו נאכגעזוכט פּסקים צו מײן פארשלאג, ער האט מיר געענטפערט אז ער וועט דאס נעמען אויף א ישוב. אבער איך רעכען אז ווען דער סעקוועסטראטאר וועט נאר צו איהם קומען נאך דעם פּאדאטעק וועט ער זיך מישב זײן.

דערווײל געהט ער ארום מיט א צובראכענעם קאפּ, און קלערט פערשידענע עצות, און אזא יוד ווי איך מאקי א מטופל בין מיר א פרײער מענש, איך ווייס אז איך בין פּטור וואס פּטור הייסט.

אט אויף דעם האט דאס שלמה המלך מרמז געווען מיט זײן: לכל זמן.

איקס.

די מאסטן-פערזאמלונג אין קליינהענדלער-פאראיין.

פערגאנגענעם שבת-צו-נאכטס איז אין לאקאל פון קליינהענדלער-פאראיין פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון די סוחרים, וועלכע האט צונעצויגן א זעהר גרויסע צאהל אנוועזענדע, אזוי אז דאס ניע לאקאל וואס נעמט 5 גרויסע צימער איז געווען פול געפאקט און פיעל מענשען האבען געמוזט אוועקגעהן.

די פערזאמלונג עפענט דער פרעזעס ה' חיינשטאק, וועלכער רעפערירט וועגען דעם בעניין דעם קאמף געגען ליכטען. ער שטעלט זיך אב אויף די שיקאנען וואס ווערען געמאכט געגען די קליינהענדלער אין דער צייט ווען זיי ראנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות כדי צו קענען עגזיסטירען, און צוליב דעם פערקויפען זיי זייערע ארטיקלען מיט דעם קלענסטען מיני-מאלען ריווח, ווייל די קאנקורענץ שטיי-גען זיי אליין איז זעהר גרויס, און יעדער וויל נאר האבען וואס עס איז דאס לעבען צו דערהאלטען, אזוי אז וועגען ליכטע ארער שפעקולאציע קאן גאר קיין רייד ניט זיין.

דער רעדנער שטעלט זיך אב וואס עס הייסט אייגענטליך ארטיקלען פון ערשטען געברויך, און ער ווייזט דא-ביי אן אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאמף געגען ליכטע ווייסען כמעט אלע ארטיקלען מיט וועלכע מען האנ-דעלט, פון ערשטען געברויך, און אלע פאלט ארונטער דעם געזעץ. דאנעגען ווען מען האט פערקלענערט ביז 1 פראצענט דעם אומזאץ-שטייער פון אר-טיקלען פון ערשטען געברויך, האט מען דאס געטהון נאר פון עטליכע געצעהלטע ארטיקלען.

נאכדעם ווי דער רעדנער גיט פער-שידענע אינפארמאציעס ווי אזוי זיך צו רעכטען ביים צוזאמענשטעלען די קאלקולאציעס לויט די פארשריפטען פון'ם געזעץ, נעהמט ער איבער צו די שטייער-פראגען און גיט א איבערבליק איבער אלע שטייערען וואס זיינען נוגע די קליינהענדלער און אויך וועגען דעם וואוינונגס-שטייער פון וועלכען די פערוואלטונג האט אויפגעוויזען'ס גע-וויסע הנחות פאר די אונפערמעגליכע קליינהענדלער.

עס רעדען די מיטגלידער ה"ה קא-לין, שפרויסבערג, שענקארסקי א. א. און דאן ווערט בעשלאסען די פראגע וועגען דער געשאפענער גמילות-חסדים-קאסע ביים פאראיין וועלכע ווערט דורך אלע פערזאמעלטע מיט א גרוי-סער צופרידענהייט אנגענומען.

צום סוף ווערט אנגענומען איינשטימיג א רעזאלוציע אז די פערזאמלונג דריקט אויס איהר דאנק דער פער-וואלטונג פאר איהר ענערגישע און ערפאלגרייכע מיטארבייט לטובת די יודישע קליינהענדלער, און בעט די פערוואלטונג פארצוזעצען איהר פרוכ-טבארע ארבייט.

אום 11 א זייגער ווערט די פער-זאמלונג געשלאסען, און דער עולם צוגעהט זיך אהיים זעהר צופרידען.

עס איז נעטיג זעהר געוואונשען אז אזעלכע פערזאמלונגען זאלען אפט פארקומען כדי די מיטגלידער זאלען זיין ווי געהעריג אינפארמירט וועגען די וויכטיגסטע פראגען וואס זיינען זיי אזוי נויטיג.

די אפעלאציע פון דעם פראצעס, וועגען די מיסברויכען אין דער היגער באנק פאלסקי.

דער פראצעס וועגען די מיסברויכען אין דער היגער באנק פאלסקי, וועל-כער איז אין טשענסטאכאו פארגע-קומען מיט צירקא א יאהר צוריק טרעט אויס אריין אין זיין לעצטען סטאדיום. דער פראצעס, וועט דעם 17 יאנו-אר ק. י. בעטראכט ווערען אין דעם ווארשאווער אפעלאציאנס געריכט.

די אפעלאציע איז אריינגעבראכט געווארען פון ביידע זייטען או פון צד די בעשולדיגטע די ה"ה: שידלאווסקי און קאנטאר און אי פון צד דער פראקורא-טור, וועלכע האלט אז די ה"ה: לע-ווענהאף און וואידיסלאווסקי, וועלכע זיינען אנערקענט געווארען אלס אונ-שולדיג דארפען בעשטראפט ווערען. די פראקוראטור ציהט אריין אין איהר אפעלאציע נאך א רייהע אנדערע קליענטען פון דער באנק פאלסקי, וועלכע זיינען דורכ'ן היגען קרייז גע-ריכט בעקראפט געווארען.

פון צד דער פראקוראטור וועט ארויס-טרעטען דער פראקוראר לעדערמאן, וועלכער האט דעם דאזיגען פראצעס געפיהרט. אלס פערטיידיגער פון די בעשולדיגטע וועלען ארויסטרעטען די צוויי בערימטע אדוואקאטען שטערלינג און עטינגער.

פייערליכע טרויער-צערעמאניע.

דער היגער „הכנסת אורחים" פער-דענט איין זונטאג, דעם 21 ד. ח. אין איינענעם לאקאל נארוטאוויטשא 67, א פייערליכע טרויער צערעמאניע צום אנדענקען פון'ם פערשטארבענעם גרינ-דער, בויער און לאנג-יעהריגער פרע-זעס פון דער געזעלשאפט ר' נתן גע-רוכטער ז"ל.

עס וועט בײ געלעגענהייט מיט דער צע-רעמאניע פארקומען דאס עפענען פון א זאל אין „הכנסת אורחים", אויף דעם נאמען פון'ם נפטר.

עס איז צו האפען, אז אלע פריינד און פערעהרער פון'ם נפטר און יעדער יוד וואס האט א אינטערעס פאר דעם „הכנסת אורחים" וועט זיין אנוועזענד.

א גראנדיעזער פרויען-מיטינג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער גרינדונג פון א „בית יעקב" שולע אין אונזער שטאדט וואס עס איז געווארען איינגע-ארדענט דורך דער היגער „אגודה", קומט פאר שבת-צו-נאכט'ס אין זאל „רעדוטא" א גראנדיעזער פרויען מיטינג אויף וועלכען עס וועלען רעפערירען די סעמינאר-לערערין פון פראנקפורט אם מיין, פרל. ד"ר יהודית ראזענבוים וועלכע וועט רעדען א. ד. ט. „דאס רעליגיעזע בעוואוסטזיין ביי דער יודי-שער פרוי", און פרל. אסתר ראזא פון ווארשע ווי אויך פרל. חנה פלידער-בוים לעהרערין פון דער היגער „בית יעקב" שולע. וועלען רעדען וועגען די ציעלען און אויפגאבען פון דער דא-זיגער שולע.

עס איז נעטיג זעהר געוואונשען, אז די פרויען-מוטער'ס זאלען זיך פער-אינטערעסירען מיט דער ערציהונג פון זייערע טעכטער אויף רעליגיעזע יסודות און לויט די יודישע טראדיציע. און די רעפערענטען אויף דעם אויבענדערמאנ-טען מיטינג וועלען געוויס אין דעם פרט ערקלערען דאס נויטיגע.

דער דאזיגער פרויען מיטינג וועט זיכער צוציהען א גרויס צאהל אנ-וועזענדע.

נעהעכערט דעם וואוינונגס-שטייער.

דער היגער מאגיסטראט האט ארויס-געגעבען א בעקאנטמאכונג, לויט וועל-כער דער וואוינונג'ס שטייער איז אנהויבענדיג פון יולי ח. י. גע-העכערט געווארען דער וואוינונג'ס שטייער פון 5 ביז 8 פראצענט פון דער גרויס פון דירה-געלט, אין הסכם מיט דעם אומשטאנד פון פינאנץ-מיניס-טעריום.

צוליב דעם וואס די שטייער הוספה פערפליכטעט אויך צוצוצאהלען די צאהלער פון דעם דאזיגען שטייער, וועלכע האבען געצאהלט וואוינונג'ס שטייער אין דער גרויס פון 6 פראצ. פון דירה-געלט, דארפען אויך די דא-זיגע צאהלער אין משך פון די נעקסטע חודש צוצוצאהלען 2 פראצענט פון דעם דאזיגען שטייער פאר דעם 3-טען און 4-טען קווארטאל, כדי ניט צו-רוייכען שפעטער צוצוצאהלען 4 פראצ. שטראף מאנאטליך.

דער מאגיסטראט ערקלערט דאריי-בער, דאס די שטייער צאהלער דאר-פען דעם דאזיגען שטייער אליין אויס-צאהלען, דען קיין נאכאונגען וועלען אויף דער הוספה פון דעם שטייער ניט ארויסגעשיקט ווערען.

ב. לאקער איז טשענסטאכאו.

דער בעקאנטער ארבייטער-פיהרער און סאציאליסטיקער בערל לאקער, מיט-גליד פון'ם עקזעקוטיוו פון סאציאליס-טישען אינטערנאציאנאל, וועט אין די נאהנטסטע טעג ארויסקומען קיין טשענ-סטאכאו און האלטען א רעפערעט אויף דער זעהר אינטערעסאנטער טע-מע: „פעלקער-בונד, אינטערנאציאנאל און ארץ-ישראל".

דער בעזוך פון דעם דאזיגען חשוב'ן גאסט וועלכער האט גרויסע פערדינ-סטען פאר דער יודישער ארבייטער-זאך, וועט געוויס ארויסרופען אמת'ע צופרידענהייט און בעגייסטערונג צווי-שען די ברייטע קרייזען פון דער היי-גע יודישע פאלקס-מאסען, וועלכע וועלען גערן נעהמען בעגריסען און הערען אויפנעהמען דעם אזוי וויכטיגען פיהרער ביי אונז אין שטאדט.

צוויי פאסט פיליעס, וועלען געעפענט ווערען דעם 1-טען דעצעמבער.

פון א מאסגעבענדער קוועלע ווערען מיר געמאלדען אז אנהויבענדיג פון 1-טען דעצעמבער וועלען געעפענט ווערען צוויי נייע פאסט פיליעס אויף דער קאשציושקי גאס נומער 45 און אויף דער ווילענסקא גאס.

די דריטע פיליע, וועלכע האט גע-זאלט געעפענט ווערען אויף דער אג-ראדאווע נומער 11, איז דערווייל אב-געלעגט געווארען צוליב דעם וואס די פאסט דירעקציע האט ניט געקאנט נאכקומען די בעדינגונגען פון דעם הויזווירט.

דער רעמאנט פון די צוויי דערמאהנ-טע פיליעס האט זיך די וואך אנגע-הויבען און ווערט געפיהרט אין א שנעל-לען טעמפא.

עס וועט דערווייל ניט געעפענט ווערען די צענטראל פאסט אין לאקאל פון דער געוועזענער רינגער באנק, דער-פאר ווייל די ווארשאווער הויפט די-רעקציע האט נישט געוואלט מסכים זיין צו צאהלען די געפאדערטע גרוי-סע סומע פון 16 טויזענד זלאטעס א יאהר, דאנעגען ווערט אין פריהלינג פון קומענדיגען יאהר אויפ'ן רוג פון דער שלענסקא גאס אויפגעבויט ווערען א גרויסע פיעל שטאק-קיגע צענטראלע פאסט, וועלכע וועט איינגעארדנעט ווערען לויט'ן לעצטען וויין פון טעכניק, און וועט ענטהאלטען אויסער די נויטיגע פאסט און טעלע-גראפען איינריכטונגען אויך א קאסינא, א לעקטורען זאל און א ביבליאטעק פאר די פאסט בעאמטע.

דאס אויסארבייטען דעם גענויען פלאן איז איבערגעגעבען געווארען דעם דירעקטאר פון דער קראקאווער ארכי-טעקטאנישע קונסט-שולע.

אויפ'ן בויען די דאזיגע געביידע ווערט דורך דער רעגירונג אסיגנירט א סומע פון א האלב מיליאן זלאטעס.

איינגעפיהרט דעם שטייער פון לוקסוס וואוינונגען.

ווי מיר האבען שוין אין זייגער צייט געמאלדען איז דורך דעם שטאדט-ראט בעשלאסען געווארען צו בעשטימען א נייעם ספעציעלען שטייער פון לוק-סוס וואוינונגען, ד. ה. פון גאנץ גרוי-סע וואוינונגען אין וועלכע די צאהל שטובען שטייגען איבער די צאהל מיט-גלידער פון דער פאמיליע.

די וואך האט דער אויפזיכט'ס ראט פון קעלץ צוגעשיקט א בעשטעטיגונג פון דעם דאזיגען שטייער.

אין צוזאמענהאנג דאמיט האט דער מאגיסטראט ארויסגעגעבען א בעקאנט-מאכונג לויט וועלכער דער דאזיגער שטייער וועט גענומען ווערען אין דער גרויס פון 10 פראצענט פון דעם דירה-געלט.

דעם דאזיגען שטייער זענען אונ-טערווארפען וואוינונגען וואס צעהלען 3 שטובען, אויב עס וואוינען פערהאן 2 מיטגלידער פון דער פאמיליע, פון 4 שטובען—ביי 3 מיטגלידער, פון 5 שטובען—ביי 4 מיטגלידער א. א. וו. דאס זעלבסט פון יעדע איבעריגע שטוב. דער שטייער וועט גענומען ווערען שוין פון דעם יעצטיגען צווייטען האלב-יאהר.

פון דעם שטייער זענען פריי וואוי-נונגען וואס ווערען בענוצט צו דער ארבייט און וואוינונגען פאר בעאמטע.

די סטרוזשעס דארפען בעקומען אויסגעצאהלט א הוספה פון 15 פראצענט.

די היגע ארבייט'ס אינספעקציע בעט אונז מיטצוטיילען פאלגענדעס:

צוליב דעם וואס עס זענען פערהאן הויזווירטען, וועלכע זאגען זיך אב אויסצוצאהלען די סטרוזשעס די 15 פראצענטיגע הוספה, וואס עס איז אויף א קאנפערענץ ביים ארבייט'ס אינספעק-טאר בעשטעטיגט געווארען אויסצו-צאהלען פון 1-טען יוני אן, דערמאהנט דער ארבייט'ס אינספעקטאר אלע הויז-ווירטען וועגען די דאזיגע פליכטען, אויסצוצאהלען די הוספה, כדי צו בע-זייטיגען פערשיידענע אונ'אנגענעמליכ-קייטען, וועלכע וועלען דאמאן ארויס-קומען.

פון דער „לירא".

די ליטעראריש-מוזיקאלישע געזעל-שאפט „לירא" איז נאך א הפסקה צו-געטרעטען צוריק צו בענייען איהר טע-טיגקייט. אויף די פערוואלטונגס-זיצו-נגען וועלכע זענען לעצטענ'ס פארגע-קומען איז בעהאנדעלט און אנגעצייכנט געווארען דער פראגראם פאר דער ארבייט אין דער נאהנטער צו-קונפט.

צווישען אנדערען ווערט נעגרינדעט אנ'ארקעסטער וועלכער וועט שטעהן אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען מוזיקער דר. עקסער.

אין פלאן איז פארגעזעהען צו גרינ-דען א גרויסען סימפאנישען ארקעס-טער, צו וועלכען עס דארפען זיך גערן פערשרייבען אלע מוזיק-אמאטערען פון אונזער שטאדט.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין איינענעם לאקאל, שבת פון 5—7 אוונט, זונטאג, דינסטאג און דאנער-שטאג פון האלב 9 ביז 10 אוונט.

אין קורצען וועט אויך אויפסניי רע-ארגאניזירט ווערען דער כאר, וועל-כער זאל יעצט געגרינדעט ווערען אין א גרויסען פערנעם און צעהלען איי-ניגע הונדערט פערזאן.

די דאזיגע קולטור טעטיגקייט דארף דערובער די היגע געזעלשאפט תארים בעגריסען און אלע געבילדעטע און אק-טיוו אנטהיילנעמען אין איהר ענטוויק-לונג.

וויפיל איינוואוינער האט טשענסטאכאו?

די היגע פאליציי האט דורכגע-פיהרט א צעהלונג פון דער היגער בעפעלקערונג.

פון דער דאזיגער צעהלונג ווייזט זיך ארויס דאס אין דער ערשטער העלפט פון שטאדט, וואס געפונט זיך אין רעיאן פון אונטער קאמיסאריאט ד. ה. אויף דער זייט פון דער באהן ברוק זענען פערהאן 60156 פערזאן און אין דער צווייטער האלבער שטאדט, וואס געפונט זיך אין שטח פון דעם ערשטען פאליציי קאמיסאריאט. אויף דער צווייטער זייט פון דער באהן ברוק איז פערהאן 36.064 פערזאן, צוזאמען אלזא איז פערהאן אין טשענסטאכאו 97.220.

די פערהעלטעניס פון פרויען און מענער איז פאלגענדער:

אין דער ערשטער העלפט שטאדט געפינט זיך 32.479 פרויען און 27.877 מענער ד. ה. 4602 פרויען מעהר איז מאנספערזאנען. אין דער צווייטער העלפט שטאדט איז די דאזיגע פערהעלטניס נאך ניט פעסטגעשטעלט געווארען.

עס ווערט דאביי צוגעגעבען דאס לויט דעם וואוקס פון דער צאהל פון דער בעפעלקערונג אין בעציג צו די פריהערדיגע יאהרען, וועט אונזער שטאדט אין דריי יאהר ארום ד. ה. אין יאהר 1930 האבען גאנצע הונדערט טויזענד איינוואוינער און וועט אזוי ארום ווע-רען אנ'ערשטראנגיגע שטאדט אין פוילען.

א קאנפליקט מיט די עלעקטראווניע ארבייטער.

מיט א קורצע צייט צוריק, האט די פערוואלטונג פון דער עלעקטראטעכניע רעדוצירט דעם לוין פון איינינע קא-טעגאריעס ארבייטער, ווי אויך האנד-ווערקער, אויף וואס די ארבייטער הא-בען נישט געוואלט מסכים זיין.

איצט האבען די ארבייטער ארויס-געשטעלט הוספה פאדערונגען פון 70 פראצענט.

דער קויהלען מאנגעל אדורך.

דער קויהלען מאנגעל, וועלכער האט לעצטענס געהערשט ביי אונז אין שטאדט אין פריוואטען געברויך פון קויה-לען או אין דער אינדוסטריע—איז שוין אדורך.

די וואך זענען אנגעקומען אין אונ-זער שטאדט איבער 150 וואגאן קויה-לען, וועלכע האבען מעהליזן נערעקט דעם קויהלען הונגער, אזוי אז דער קריזיס איז פערלויפיג אויף א קורצע צייט ליקווידירט געווארען.

א טונעל אונטער'ן באהן הויף.

די קאנאליזאציע - ארבייט וועלכע ווערט געפיהרט דורך „וואלען" טרעט איצט צו דורכצופיהרען זעהר א שווע-רע ארבייט צו פערבינדען ביידע טיי-לען שטאדט פון אונטער די באהן-לי-ניעס, דורך קאנאליזאציע-רעהרען.

די רעהרען וועלען דורכגעצויגען ווערען איינע אין דער ריכטונג פון דער פאראזשאטשא גאס וועט דורכ-האקען די באהן-ליניע דורך פילסודס-קי גאס און דער צווייטער דורך דער יאסנא וועט געבויט ווערען אונטער דעם באהנהויף.

עס דארפען נאך אין איינינע פרא-גען ערהאלטען ווערען דער הסכם פון די באהן-מאכט.

אין די טונעלען ווערען דורכגע-צויגען דרייזיליגע רעהרען פאר'ן אב-פלוס און צופלוס פון וואסער, וועל-כע ווערען געהן איבער דער גאנצער לענג פון שטאדט פון דער יאסנא גו-רא ביז וואהארא.

מיט'ן דורכפיהרען די דאזיגע שווע-רע און פעראנטווארטליכע ארבייט ווערט אלזא די קאנאליזאציע פערבינדען ביי-דע טיילען שטאדט וואס זענען אבגע-טיילט דורך דער באהן-ליניע.

אויף איין רעדעל ארום דער וועלט.

מיטוואך אחענר, האבען גרופקעלעך זיך פערזאמעלט ארום א פרעמדע פער-זאן, וועלכע האט צוגעצויגען די אל-געמיינע אויפמערקזאמקייט מיט זיין אויסערליכע פאהרערונג אויף א ראוועטער פון 1 רעדעל.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט איז די פערזאן א געוויסער אפרא פון מעקסי-קא, וועלכער פאהרט ארום אויף דעם דאזיגען איין רעדעלדיגען ראוועטער אי-בער דער גאנצער וועלט.

אין יאהר 1922 איז ער ארויסגע-פאהרען פון בראזיליען און ביז איצט איז ער שוין דורכגעפאהרען 4 וועלט טיילען אנ'ע'ך 14 טויזענד קילאמע-טער. ער דארף נאך דורכפאהרען 1500 קילאמעטער און דעם טייל פון אזיען, וואס מער וועלכע ער מאכט צו-ליב היפענטאפליכע צעקען זאל ער ענדיגען ביז'ן יאהר 1927.

ער ערנעהרט זיך און לעבט פון פערקויפען איינען געמאהלטע קארטען.

נאכ'ן דורכפאהרען טשענסטאכאו אין דער לענג און ברייט, איז ער באלד אבגעפאהרען אין זיין ווייטער-דיגען וועג.

דער שטייער פון הייזער בלייבט אונפערענדערט.

צוליב דעם וואס אין קורצען וועלען דורך די שטאדטישע פערוואלטונגען אויסגעארבייט ווערען די שטאדטישע בודזשעטען פאר דער צייט פון קומענ-דיגען יאהר האט דאס אינערן-מיניסטער-יום פונאנדערגעשיקט צו אלע שטאדט-פערוואלטונגען א רייהע אנווייזונגען, וועגען דער גרויס פון דעם קאמונאלען שטייער פון הייזער און בעוועגליכע גיטער.

לויט די דאזיגע אנווייזונגען וועלען די נארמעס פון דעם דאזיגען שטייער בלייבען אונפערענדערט, אזוי אז די גרויס פון דעם שטייער וועט זיין 25 פראצענט פון דעם רעגירונגס שטייער פון אונבעוועגליכע גיטער. דאנעגען אין די שטעדט, וואו עס ווערט גע-פיהרט אנ'אקציע פון בעשעפטיגען ארבייטסלאזע זאל דער שטייער בעטרע-פען 50 פראצענט פון דעם רעגירונג'ס שטייער.

גאלדענע 20 זל. מטבעות ווערען געלאזט אין פערקעהר.

אין די נאהנטסטע טעג וועלען שוין געלאזט ווערען אין פערקעהר די ניע גאלדענע 20 זלאטי מטבעות, וועלכע עס האט בעוויליגט אויסצופערטיגען דער געוו. פינאנץ מיניסטער גראבסקי. דאנעגען 5 זלאטיגע זילבערנע באנ-קנאטען וועלען נישט ארויסגעלאזט ווע-רען אין פערקעהר, נאר וועלען איבער-נאסען און איבערגעארבייט ווערען אין 1 און 2 זל. מטבעות.

וועלען מיר זיך האפען עס האבען שוין דערמאפט אויף פויליש גאלד אויך.

פערזענליכעס.

ה' סאמועל שאיא האט געענדיגט דאס פאליטעכניקום אין ווארשא, מיט'ן דיפלאם פון אינזשיניער בעמיע.

נדבות אין רעדאקציע.

פאר בית לחם: אברהם ראזענבוים 12 זל., קאטליצקי 50 גר., אהן נאמען 36 גר.

טעאטער נאוואשצי אלעע 12. היינט און ווייטער.

אויפ'ן עקראן: די בעריהמטסטע, שענסטע און אמעינסטען בע-ליעבטע אפערעטע אין 10 אקטען. אין דער הויפט-ראלע: הארי לידהע, וו. גיבסאן. דער טיטול איז —

HRABINA MARICA

אויף דער סצענע: די פראמיערע ווארשאווער אפערעטען ארט. אונטער דער אנפיהרונג פון ס. וואלינסקי פיהרען אויס: טלוכה-אמט פון זעלבסטמערדער מאמענט פון יאהר 2224 ביים אנטייל פון גאנצען פערסאנאל.

קינא „נאווי" 2 אלעע 43.

היינט און ווייטערע טעג. דער גרעסטער ביז-איצט נישט-געזעהענער פילם פון'ם לעבען פון די רוסישע סאדיסטען א. ט.

SYBIR

קאטארגע און איהר גרויזאמקייט! א טאג פאר דער רעוואלוציע! קאמפען אין די סיבירער סטע-פען מיט וועלף.

אויף דער סצענע: אויפטריטען פון ארט. טעאטער „מאסקא". פראגראם נר. 10. W palarni opium (אינסצעניזאציע), פיהרען אויס: לוביטש-קארשובנא, גראנאווסקי, לוביטש. אין הארעם—ארשא-באיארסקי, נייע מאנאלאגען—לוביטש. לודוויק דער 16-טער—לוביטש-קארשובנא.

Ceny ogłoszeń: Za wiersz milimetrowy przed tekstem **24** gr., za tekstem **81** gr., w tekście **60** gr. — Szerokość kolumny obejmuje **8** szpalt ogłoszeniowych.

Redaktor Izrael PŁOCKIER — **Wydawca B. BOCIAN** — **Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.**